# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת יתרו תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 470

בני אמונים – מתחזקים בעניית אמן



ת.ד 102 בני ברק
פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### די כח פון א תפילה פון א צדיק

"וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה לְחֹתְנוֹ כִּי יָבֹא אֵלַי הָעָם לִדְרֹשׁ אֱלֹקִים; כִּי יִהְיֶה לָהֶם דָּבָר בָּא אֵלַי וְשָׁפַטְתִּי בֵּין אִישׁ וּבֵין רֵעֵהוּ וְהוֹדַעְתִּי אֶת חֻקֵּי הָאֱלֹקִים וְאֶת תּוֹרֹתָיו" (יח טו -טז)

דער פסוק הייבט אן מיט א לשון רבים: "כִּי יִהְיֶה לָהֶם דָּבָר" און ענדיגט מיט א לשון יחיד "בָּא אֵלַי"?

ערקלערט **רבי שמואל עהרנפעלד** מאטערסדארפער רב:

די ווערטער פון משה צו זיין שווער "כִּי יָבֹא אֵלַי הָעָם לִדְרֹשׁ אֱלֹקִים" ערקלערט דער רמב"ן: "להתפלל על חוליהם", דאווענען אויף די קראנקע. לויט דעם קען מען זאגן אז דאס האט משה געזאגט פאר זיין שווער: די סיבה פארוואס מענטשן קומען דווקא צו מיר בעטן איך זאל דאווענען אויף זיי, ווייל "כִּי יִהְיֶה לָהֶם דָּבָר" - ווען עס טרעפט זיי אן א צרה, איז זייער צער "בָּא אֵלַי" און רירט צו מיין הארץ ווי מיין פערזענליכער צער. דאס איז די כח פון די תפילה פון א צדיק, ווייל ער פיהלט די צער פון די וואס קומען צו אים ווי עס וואלט געווען זיין פערזענליכע צרה.

'חתן סופר'

### די עשרת הדברות זענען מרומז אין קריאת שמע

"וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה הִנֵּה אָנֹכִי בָּא אֵלֶיךָ בְּעַב הֶעָנָן בַּעֲבוּר יִשְׁמַע הָעָם בְּדַבְּרִי עִמָּךְ" (יט ט)

אין ירושלמי (ברכות א ה) ווערט געברענגט די שיטה פון 'לוי' פארוואס זענען מיר באפוילן געווארן ליינען יעדן טאג די פרשיות פון קריאת שמע, ווייל די עשרת הדברות זענען אין זיי אריינגערעכנט. אין דארט ווערט אויסגערעכנט פונקט ווי זענען מרומז די עשרת הדברות אין די פרשיות פון קריאת שמע, און דער **'משנה ברורה'** (סא ב) ברענגט עס אראפ און לייגט צו: "דעריבער דארף דער מענטש בשעת'ן ליינען קריאת שמע קלערן פון די עשרת הדברות, כדי ער זאל נישט עובר זיין אויף איינס פון זיי".

האדמו"ר **רבי מאיר מדזיקוב** ברענגט אויף דעם א רמז פון אונזער פסוק: די עשרת הדברת זענען אריינגערעכנט אין דעם ערשטן דיבור וואס הייבט זיך אן "אָנֹכִי", "בָּא אֵלֶיךָ" - קומט צו דיר ברמז, "בְּעַב הֶעָנָן" - אין די 'ע"ב' [72] ווערטער פון פרשת 'ויאמר', און מיט 'ענ"ן' [170] ווערטער פון די פרשיות 'שמע' און 'והיה אם שמוע'.

'אמרי נועם'

### נישט מחלל זיין די מזבח פון תפילה

"וְאִם מִזְבַּח אֲבָנִים תַּעֲשֶׂה לִּי לֹא תִבְנֶה אֶתְהֶן גָּזִית כִּי חַרְבְּךָ הֵנַפְתָּ עָלֶיהָ וַתְּחַלְלֶהָ" (כ כב)

זאגט דער **'בן איש חי'**:

אין די תקופה פון די גלות וואס צוליב אונזערע עבירות האבן מיר נישט קיין בית המקדש און מיר האבן נישט די מעגליכקייט מקריב זיין קרבנות אויפן מזבח, איז דער מויל פון דער מענטש ווי א מזבח און די תפילות וואס קומען ארויס פון דעם זענען ווי קרבנות (ראה ברכות כו ב). עס שטייט ('ספר יצירה' פ"ד מ"ב) אז די אותיות וואס דער מענטש זאגט ארויס פון זיין מויל ווערן אנגערופן 'אבנים', ווייל דורך זיי ווערט געבויעט די ווארט ('ספר יצירה' פ"ד מ"ב), און לויט דעם די מויל וואס דאוונט ווערט אנגערופן "מִזְבַּח אֲבָנִים".

דערפאר זאגט אן די תורה: "וְאִם מִזְבַּח אֲבָנִים תַּעֲשֶׂה לִּי" - ווען דו וועסט ארויסזאגן פון דיין מויל די אותיות און די ווערטער פון די דאווענען, "לֹא תִבְנֶה אֶתְהֶן גָּזִית" - זאלסטו זיי נישט זאגן שנעל און דורך דעם פארשניידן די אותיות און די ווערטער. "כִּי חַרְבְּךָ הֵנַפְתָּ עָלֶיהָ וַתְּחַלְלֶהָ" - ווייל דערמיט קענסטו מחלל זיין די קדושה און פארוואנדלען דיין תפלה אין אפיקורסות חלילה, ווי למשל אויסלאזן דעם אות ע"ן פון 'בעל גבורות', און נאך פילע ביישפילן.

'בן איש חי' שנה א' הקדמת יתרו

### ענטפערן אמן ביי מעמד הר סיני

"וַיְדַבֵּר אֱלֹקִים אֵת כָּל הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה לֵאמֹר" (כ א)

רש"י זאגט (ע"פ מכילתא מס' דבחדש ד) אז נאך יעדע מצות עשה פון די עשרת הדברות האבן די אידן געענטפערט 'הן', און נאך יעדע מצות לא תעשה האבן זיי געענטפערט 'לאו'. אין מדרש (ילק"ש ירמיה רסו) שטייט "אנכי ולא יהיה לך בדיבור אחד נאמרו", און לויט די פשט פון רש"י דארף מען אריינקלערן וואס האבן די אידן געענטפערט נאך דעם ערשטן דיבור, וואס האט געהאט אין זיך א מצות עשה און א לא תעשה, הן אדער לאו?

זאגט דער **'בית אברהם'**:

רש"י מיינט נישט צו זאגן אז אידן האבן געענטפערט אויף די עשרת הדברות הן אדער לאו, נאר זיי האבן געענטפערט 'אמן' נאך יעדע מצוה, און מיט דעם ווערט עס גערעכנט פאר זיי ווי זיי וואלטן געענטפערט הן נאך א מצות עשה, און לאו נאך א מצות לא תעשה. ווייל די תכלית פון אלע מצוות איז צו מזכך זיין דעם מענטש און אויפדעקן די אמונה וואס ליגט באהאלטן אין זיין הארץ (ראה רמב"ן שמות יג טו), אין ביים ענטפערן אמן וואס באדייט אמונה, איז דא אין דעם א דעקלאראציע פון אננעמען די מצוות און די תכלית וואס קומט ארויס פון זיי מקיים זיין.

מיט דעם איז פארשטענדליך דער לשון פון רבי יהודה הלוי אין זיין פיוט 'יונה מצאה': "ובאו כולם בברית יחד, נעשה ונשמע אמרו כאחד, ופתחו וענו ה' אחד"; לכאורה, ווי טרעפן מיר אז די אידן האבן געענטפערט 'ה' אחד' ביים מעמד הר סיני? און לויט וואס מען האט פריער געזאגט קען מען זאגן: ווייל זיי האבן געענטפערט אמן און מיט דעם ארויסגעברענגט זייער שטארקע אמונה אין ה', ווערט עס גערעכנט ווי זיי וואלטן געזאגט "ה' אחד".

'בית אברהם' מכתבי קודש יב

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### ענטפערן אמן איז שוין פון סיני

ביי די ברכה 'תכנת שבת' וואס מיר זאגן שבת בייטאג ביי מוסף זאגן מיר: "אז מסיני נצטוו". רבי יהודה ב"ר יקר, דער רבי פון רמב"ן, צייכנט צו אז די ראשי תיבות פון "אז מסיני נצטוו" איז 'אמן' ('פירוש התפילות והברכות' ח"א עמ' קיב). לויט דעם קען מען זאגן אז די מסדרי התפילה האבן מיט דעם אונז געוואלט מרמז זיין, אז שוין אין סיני זענען מיר באפוילן געווארן אויף ענטפערן אמן.

און טאקע אזוי, דער חיוב פון ענטפערן אמן האט א אור-אלטן מקור; די חכמים האבן עס ארויסגעלערנט פון די רייד פון משה פאר די אידן אנהויב די שירה פון 'האזינו' (דברים לב ג): "כי שם ה' אקרא - הבו גודל לאלקינו", און אזוי טייטשן זיי: "בשעה שאני מזכיר שמו של הקדוש ברוך הוא בברכה - אתם הבו גודל בעניית אמן" (רש"י ברכות כא א, ע"פ יומא לז א).

"אז מסיני נצטוו" - די מסדרי התפילה זאגן אונז, אויסער וואס ענטפערן אמן איז א מצוה וואס איז פאר אונז א גרויסע זכות, איז עס אויך אויסדריקליך א מצוה, אזוי ווי עס איז גע'פסק'נט אין 'שלחן ערוך' (או"ח רטו ב): "כל השומע אחד מישראל מברך אחת מכל הברכות מחוייב לענות אחריו אמן".

איך האב געטראכט צולייגן צו דעם, אז אויך די פריערדיגע ווערטער אין די ברכה: "וגם האוהבים דבריה גדולה בחרו", זענען מרמז אויף ענטפערן אמן; די וואס האבן ליב די ווארט 'אמן' האט אויסדערוועלט אין 'גדולה', אזוי ווי די חכמים לערנען אונז (ברכות נג ב): "גדול העונה אמן יותר מן המברך".

ווען איך בין לעצטנס געווען אין מיאמי אויף א שמחה אין די משפחה, האט מיר א איד געזאגט נאך א רמז אין דעם ענין: דער פסוק זאגט (קהלת יב יא): "דברי חכמים כדרבנות וכמשמרות נטועים בעלי אספות נתנו מרועה אחד"; "**נתנו מרועה אחד**" - איז ראשי תיבות 'אמן', אונז צו לערנען אז אויך ענטפערן אמן האבן מיר באקומען פון דער באגלייבטער פאסטוכער משה אויפן בארג סיני.

אין די וואכן ליינען מיר אויף די רוף פון אונזערע עלטערן אויפן בארג סיני: "נעשה ונשמע". ווי פאסיג איז מיר זאלן אויך אויסרופן: "**נעשה** ונשמע..."; מיר וועלן מקפיד זיין אויף הערן די ברכות און ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין, און מיט דעם זיך באהעפטן צו די אמונה פון אונזערע עלטערן, ווייל מיר זענען אויך געשטאנען צוזאמען מיט זיי נעבן די בארג סיני.

**מיט א רוף 'נעשה ונשמע'**

**א גוט שבת**

*יעקב דוב מארמארשטיין*

# די תפילה וואס האט באפרייט

ניסים. ווער ווארט נישט אויף דעם?! וויפיל מאל אין לעבן האבן מיר זיך געפונען אין א מצב פון 'נישט קיין אויסוועג', ווען אונזער הארץ וואונטש זיך אויף א אמת'ער נס קענען ארויסגיין פון די קלעם?!

צי מען מעג ווארטן אויף א נס, אדער נישט? דאס איז א שאלה וואס מיר ווילן נישט רעדן פון דעם אין די קאלום. מיר קענען נאר זאגן, אז פון די קומענדיגע געשיכטע זעהט מען מיט א זיכערקייט, אז אויך היינט זענען דא ניסים! און טאקע אזוי, עס איז אמת אז עס איז נישטא נאך 'כה' אלוקינו בכל קראנו אליו'. אויב אזוי קען מען זאגן, אז דאס איז נישט קיין 'נס', נאר די כח פון תפילה וואס דער באשעפער האט אונז געגעבן.

און מיט דעם אלעם, ווען עס געשעהן ניסים, ווערן מיר אלע איבערגענומען מיט באגייסטערונג, און אונזער הארץ איז פול מיט הודאה צו ה'. אין א נס איז דא דער כח אילוסטרירן פאר אונז אז ס'איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, און אויסקלארן אין אונזערע הערצער אז אלעס איז אנגעהאנגען אין ה' יתברך.

דער וואונדערליכער נס-ערציילונג איז דערציילט געווארן דורך דער בעל המעשה, און איז פארשפרייט געווארן דורך רבי שמעון שפיצר שליט"א אין איינע פון זיינע שיעורים. אין דער מעשה איז אויך פאראן א ענין פון קידוש השם, אין די בחי' פון "וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך".

די מעשה האנדלט איבער ר' יהודה, א טייערער איד, א איש חסד פון דער שטאט לאנדאן, וועלכער האט צוליב עפעס א סיבה זיך אנגעטראפן אין א קאנפליקט מיט די ענגלישע אויטאריטעטן, און נאך א געזעצליכע קאמף וואס האט געדויערט



די הויפט טויער פון די דארטמאר טורמע אין ענגלאנד

עטליכע יאר, איז זיין אורטייל באשלאסן געווארן דורך א גרענד דזשורי (חבר משובעים) אים צו שיקן אין טורמע אויף א לאנגע צייט.

איבערגעגעבענע עסקנים וועלכע זענען אריין אין בילד האבן ערשט פרובירט צו קעמפן כדי צו ענדערן דעם אורטייל, אבער זיי האבן שנעל איינגעזען אז דער קאמף וועט אדורכפאלן, די ענגלישע לעגאלע סיסטעם באשיצט די אפמאכן פון די דזשורי און ווי ווייט מעגליך טוהט עס פארמיידן מען זאל זיי קענען טוישן. ר' יהודה האט פארשטאנען אז די קומענדיגע יארן וועט ער פארברענגען אין טרומע, און

אנשטאט אריינפאלן אין פארצווייפלונג האט ער באשלאסן זיך צו שטארקן אין אמונה און בטחון. די צייט וואס איז געבליבן ביז זיין אריינגאנג אין תפיסה האט ער אויסגענוצט אויסצושטעלן א פונקטליכער סדר היום אויף די טעג וואס ער וועט זיצן אין תפיסה, כדי ער זאל דארט קענען שטייגן אין תורה און אין עבודת ה'.

מאנטאג פרשת ויצא, ד' כסלו, איז ר' יהודה אריינגעשטעלט געווארן אין איין צעל מיט א מוסלעמענער ארעסטאנט מיטן נאמען באסעל, וועלכער האט אים דערציילט מיט א שטראלנדיגן פנים אז ער גייט באפרייט ווערן אין די קומענדיגע טעג נאכדעם וואס ער איז שוין געזיצן פיר חדשים אין טורמע. אין די קומענדיגע טעג האט אויסגעזען אז דער גוי איז געווען זייער צופרידן מיט זיין באפרייאונג, אבער מיטוואך אינדערפרי האט ר' יהודה באמערקט, אז באסעל'ס געזיכט האט זיך מיטאמאל פארענדערט. ער האט אויסגעזען אינגאנצן טרויערדיג און צוקלאפט.

ר' יהודה האט איידלערהייט זיך אינטערעסירט ביי אים, און באסעל האט אים דערציילט מיט אראפגעלאזטן פנים אז כאטש ער איז פאראורטיילט געווארן צו זיין אין טורמע פאר צוויי באזונדערע פארברעכ'נס וועלכע די שטראף פון יעדע איינע איז פיר חדשים טורמע, האט ער פארשטאנען אז דיביידע שטראפן קענען גערעכנט ווערן אין דער זעלבער צייט. אבער נעכטן ווען ער איז געגאנגען צו די טורמע דירעקטאר'ס אפיס אנגרייטן דעם פראצעדור פאר זיין באפרייאונג, איז ער איבערראשט געווארן צו הערן אז ער האט געהאט א טעות, און וועט מוזן זיצן נאך פיר חדשים אין טורמע.

"נעכטן נאכט בין איך געווען טרויעריג און דערשלאגן" האט באסעל געזאגט צו ר' יהודה, "פון גרויס כעס און צער האב איך באשלאסן נישט צו דאווענען די מוסלמענישע תפילה ווי געווענליך, אבער זארג זיך נישט... היינט אינדערפרי האב איך זיך צוריק געשטארקט און געדאווענט אונזער פרי-מארגן תפילה... איך האב אפילו זיך געוואגט צולייגן א באזונדערע בקשה צום גאט ער זאל טוישן מיין אורטייל לטובה...".

עטליכע שעה שפעטער, איז באסעל געגאנגען צו די טורמע אפיסעס צו אראנזשירן זיין 'פרישע' אריינגאנג אין די טורמע, און פרעגן ווען איז די נייע דאטום פון זיין ענדגילטיגע באפרייאונג.

בערך צוויי שעה נאכדעם וואס ער איז ארויס פון צעל איז ער צוריקגעקומען מיט טאנצנדיגע טריט ווען ער איז אינגאנצן אויפגעטרייסלט און אויפגעשטורעמט; "איך הערט" - האט ער געזאגט צו ר' יהודה מיט א התלהבות'דיגע שטימע, "מיין דאווענען איז אנגענומען געווארן! מען האט מיר יעצט אינפארמירט, אז נאכן איבערגיין מיין אורטייל האבן זיי געזען אז איך האב רעכט, און די צוויי באזונדערע שטראפן ווערן יא גערעכנט צוזאמען, דעריבער מארגן אינדערפרי וועל איך באפרייט ווערן פון טורמע".

"דו זעהסט," האט דער מוסולמענער געשריגן מיט התפעלות, "נאר היינט אינדערפרי האב איך געדאוונט אויף דעם, און גאט האט שוין צוגעהערט מיין געבעהט און פארזיכערט אז איך זאל מארגן באפרייט ווערן".

באסעל האט ארגאניזירט זיינע זאכן, און ר' יהודה איז געבליבן שטיין דערשטוינט, טראכטנדיג ביי זיך: אויב א געבעהט פון א מוסלעמענער קען אנגענומען ווערן, איז דאך זיכער מיין דאווענען קען אנגענומען ווערן?!

די מסקנא איז געווען קלאר ווי דער טאג. עטליכע שעה שפעטער, ווען די נאכט איז געפאלן, האט ר' יהודה זיך אוועקגעשטעלט דאווענען מעריב. טרערן זענען גערינען פון זיינע אויגן ווען ער

האט זיך געבעטן צו ה' יתברך: "אויב א גוי זאגט עדות אז זיינע תפילות צו דיר זענען אנגענומען געווארן", האט ער געשריגן פון הארץ, "איז דאך זיכער אז די תפילות פון א איד דארף אנגענומען ווערן! נעם אן מיין תפילה 'עשה עמי אות לטובה, עשה למען שמך, עשה למען אוהביך'".

ר' יהודה האט פארענדיגט זיין גערירטע תפילה און איז געגאנגען שלאפן.

יענע נאכט האט דער ריכטער וואס האט באהאנדלט ר' יהודה'ס קעיס נישט געקענט שלאפן. דער ריכטער האט שווער געקענט אננעמען די באשלוס פון די דזשורי, לויט זיין מיינונג איז עס נישט לאגיש געווען ארויפלייגן אזא הארבע שטראף אויף א פאברעך וואס ר' יהודה האט געמאכט. אינדערפרי האט ער באשלאסן אויף זיין אייגענער איניציאטיוו צו רופן דעם אדוואקאט וואס האט אים פארטרויטן, און אים געזאגט אז ער וויל איבערקוקן דעם אורטייל.

דאס איז א ספעציעלע רעכט וואס די ריכטער האבן צו איבערקוקן א אורטייל וואס א דזשורי האט באשלאסן, און נארמאל נוצן זיי עס זייער זעלטן אויב בכלל. דאס מאל איז געווען איינע פון די זעלטענע פעלער...

דער אדוואקאט האט זיך געאיילט איבערצוגעבן די נייעס פאר די איבערגעגעבענע עסקנים, און זיי זענען ספעציעל אראפגעפארן צו די טורמע דערציילן ר' יהודה'ן וועגן דעם זעלטענעם דורכברוך וואס קומט פאר אין זיין פאל; "מארגן פרייטאג אין די פרימארגן שעה'ן וועט פארקומען די זיצונג. כאטש עס איז אוממעגליך צו וויסן מיט זיכערקייט אז די אורטייל וועט זיך ענדערן, דאך זענען דא אויף דעם אסאך אויסזוכטן, און מיר קענען שאצן אז נאך פאר שבת וועסטו באפרייט ווערן פון טורמע".

פרייטאג אינדערפרי, ערב שבת פרשת ויצא, איז ר' יהודה געגאנגען צו דער 'פוסטא' ווען מיט וואס ער וועט פארן מיט נאך עטליכע ארעסטאנטן צום געריכט הויז. אויפן וועג האט ער געטראפן באסעל וועלכער האט געמאכט די לעצטע צוגרייטונגען צו זיין באפרייאונג. ווען ער האט אים דערזען, האט באסעל זיך געוואונדערט: "וואו גייסטו?", ר' יהודה האט אים געענטפערט טרוקענערהייט: "איך האב געדאוונט צום גאט, און ער האט צוגעהערט מיינע תפילות, איך גיי ארויס פון טורמע נאך פאר שבת!".

הערנדיג די ווערטער האט באסעל זיך נישט געקענט בארואיגן. ער האט אנגעהויבן שרייען מיט א הויכע שטימע צו יעדער וואס האט מסכים געווען צו הערן: "איר זעט, עס איז דא א גאט, עס איז א באשעפער אויף דער וועלט וואס הערט צו די תפילות פון די וואס דאווענען צו אים!".

עטליכע שעה'ן שפעטער איז ר' יהודה ערשינען פארן ריכטער. "איך האב נאכאמאל איבערגעקוקט דעם קעיס", האט געזאגט דער ריכטער, "און איך בין צוגעקומען צו א באשלוס, אז צוליב דער איבערפלוס אין די טורמע, און נאכן באטראכטן דעם פארברעך וואס דו ביזסט באגאנגען, זאלט מען דיך שוין באפרייען".

עטליכע שעה פאר שבת, איז ר' יהודה ארויס פריי, ווען ער פייערט דעם שבת אין שטוב, צוזאמען מיט זיין משפחה, נאך א גאר קורצע צייט פון זיצן אין תפיסה, און אן א נאטירליכן ערקלערונג, אויסער די כח פון תפילה און אמונה.

א וואונדערליכער משל
איבער די מעלה פון ענטפערן אמן

# אין עולם הבא לערנט מען צו שאצן אמן

דער אפטער רב בעל 'אוהב ישראל' פלעגט טייטשן דעם פסוק (תהילים קכו ו): "הלוך ילך ובכה נושא משך הזרע בא יבא ברנה נושא אלמתיו" אויף די מצוה פון ענטפערן 'אמן', און אזוי האט ער געזאגט:

אויף דער וועלט קען קיינער נישט שאצן די געוואלדיגע מעלה פון ענטפערן אמן, דער מענטש הערט אסאך ברכות און אמאל לייגט ער נישט צו קאפ און מח צו ענטפערן אמן. ווען ער וועט אנקומען אין עולם העליון, וועט ער זיך איבערצייגן ווי חשוב און טייער איז פארן אויבערשטן יעדע אמן, און וועט זיכער חרטה האבן אויף די גרינגשעצונג וואס ער האט ארויסגעוויזן, אבער דעמאלטס וועט שוין זיין זייער שפעט.

אויף דעם איז מרמז דער פסוק: דער וואס איז מזלזל אין ענטפערן אמן אויף דער וועלט; "הלוך ילך" - ווען ער וועט גיין לעולם שכולו טוב, דעמאלטס "ובכה" - וועט ער וויינען און חרטה האבן אויף דעם וואס ער האט נישט געהאט שכל צו זאמלען נאך און נאך אמנים. אבער "נושא משך הזרע" - דער וואס האט מקפיד געווען אויף ענטפערן אמן, וואס זעהט אויס אויף דער וועלט, ווי א קליינע קערנדיל וואס ווערט אנגעזייעט אין ערד, דעמאלטס "בא יבא ברינה" - וועט ער אנקומען אין עולם העליון מיט פרייד, ווען ער איז "נושא אלמותיו" - עס וועלן זיך עפענען פאר אים די שערי גן עדן אין זכות פון ענטפערן אמן, און דעמאלטס וועט ער פארשטיין אז די אמן וואס האט אויסגעזעהן אויף דער וועלט ווי א קליינע קערנדיל, איז א גרויסע און חשובע מצוה וואס איז צוגעגלעכנט צו א גרויסע בינטל.

לייגט צו דער 'אוהב ישראל' א משל אויף דער ענין:

א משל צו א עושר וואס האט פארלוירן זיין פארמעגן און איז געווארן א ארימאן. וויבאלד ער האט זיך געשעמט מיט זיין לאגע און איז נישט מסוגל געווען צו בעטן הילף פון מענטשן פון זיין שטאט, האט ער באשלאסן צו פארלאזן זיין וואוינארט, וואנדערן צו א ארט וואו מען קען אים נישט, און דארט פרובירן צוריק בויען זיין פאזיציע. עטליכע יאר האט דער מענטש געוואנדערט פון איין פלאץ צום צווייטן, ביז זיינע פיס האבן זיך אפגעשטעלט אין א ווייטע לאנד, אין א פלאץ וואס די בערג זענען פול מיט גאלד און טייערע שטיינער.



די הייליגע מצבה פונעם 'אוהב ישראל' אין מעזיבוש


דער בית המדרש פונעם 'אוהב ישראל' פון אפטא

אין יענע לאנד האבן זיך געוואלגערט טייערע שטיינער אויף דער ערד ווי זיי וואלטן גארנישט ווערד געווען. ווען דער סוחר האט זיך צוגעוואוינט צו דעם, האט ער אויך אנגעהויבן טראכטן אז די שטיינער האבן נישט קיין ווערד, און זיי זענען אין זיינע אויגן געווארן ווי פשוטע שטיינער.

יארן זענען אויף אים אריבער ווען ער מאכט מיט אסאך דורכפעלער אין זיין האנדל, ביז ער האט ענדליך אויפגעגעבן און באשלאסן זיך אומקערן צו זיין פאמיליע, וועלכע איז געבליבן ווייט און ווייסט נישט פון זיין צושטאנד. ווייל ער האט נישט געוואלט אהיים קומען מיט ליידיגע האנט, האט ער געטראכט צו זיך וואס זאל ער אהיים ברענגען. ענדליך איז ער אויפגעקומען מיט דעם געדאנק צו נעמען א פולע האנט פון די שטיינער וואס האבן זיך געוואלגערט אין יענעם ארט, כאטש זיי זענען נישט ווערד אסאך... זייער אויסזעהן איז דאך עפעס אנדערש פון די שטיינער פון דעם ארט וואו ער האט געוואוינט... געזאגט און געטוהן, גענומען א פולע האנט מיט שטיינער און אריינגעלייגט אין זיין טאש, אנגעטוהן די קליידער וואס זענען געווען פארמאכט מיט קנעפלעך וואס אין זיי איז געווען אריינגעלייגט די שטיינער, און זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג.

דער וועג צוריק איז געווען שווער און פול מיט סכנה'ס, און דער סוחר האט געבלאנדזשעט און נישט געקענט געפינען אן אויסוועג. דאס עסן איז אים א◦סגעגאנגען, און ער איז ארומגעגאנגען באזארגט פון די טויט וואס קען אים באלד אנטרעפן... פונדערווייטנ'ס האט ער באמערקט א מענטש וואס טראגט אויף דער אקסל א זאק פול מיט ברויט.

דער פארשוין איז געווען א שווינדלער, די זאק איז געווען פול מיט פאר'שימל'טע ברויט, און נאר פון אויבן האט ער געלייגט צוויי דריי פרישע ברויט, אבער אונזער באקאנטער האט פון דעם נישט געוואוסט, און צוליב זיין הונגער האט ער זיך געבעטן ער זאל אים געבן פון זיינע ברויט, ווען ער אנטשולדיגט זיך אז ער האט נישט וואס צו באצאלן דערפאר, אויסער די פשוטע שטיינער וואס ער פארמאגט...

דער שווינדלער האט א קוק געטוהן אויף די שטיינער און זיין אטעם האט זיך אפגעשטעלט... אבער ער האט באהאלטן זיין התרגשות און מיט א געמאכטע רחמנות האט ער כאילו 'באוויליגט' צוגיין צו די געשעפט; דער האט באקומען א זאק פול מיט ברויט, און דער אנדערער איז געווארן א גרויסער עושר.

דאס עסן האט אים אריינגעגעבן כח. ענדליך האבן זיך פארענדיגט די צרות פון אונזער באקאנטער און זיינע פיס זענען געשטאנען ביים אריינגאנג פון זיין שטאט, זיין משפחה און פריינד זענען ארויסגעלאפן אים מקבל פנים זיין און באגריסן מיט גרויס פרייד, נאכן אים נישט געזען אזויפיל יאר. ווען ער איז אריין אין זיין ה◦ז, האבן זיינע קינדער זיך געאיילט זוכן אין זיינע פעקלעך מיט א האפענונג אז זיי זענען פול מיט אלעס גוטס פון די לאנד וואו ער קומט יעצט, אבער ווי גר◦ס איז געווען זייער אנטוישונג, ווען זיי האבן אנטדעקט אז די זעק זענען פול מיט אלטע ברויט. זעהענדיג דאס האבן זיינע קינדער געשריגן מיט א ביטערניש: 'טאטע, האסט אונז פארלאזט אויף לאנגע יארן, כדי צו ברענגען ברויט, וואס איז אפילו נישט ראוי צו עסן?'

נאכדעם וואס זיי האבן זיך אביסל בארואיגט פון זייער צער, האבן זיי נאכאמאל געזוכט אין זיין טאש, ביז ענדליך האבן זיי געפונען איין שטיין וואס איז ארויסגעפאלן פון זיין האנט ווען ער האט אויסגעליידיגט די זאק צו די האנט פון דעם שווינדלער, אויך האבן זיי באמערקט די קנעפלעך וואס זענען געווען באצירט מיט די שטיינער, און זיי זענען שוין געלאפן צו דעם דיאמאנטן-סוחר וואס האט געוואוינט אין דער קומענדיגער גאס, ער זאל אפשאצן זייער ווערד. צו זייער פרייד האט ער עס אפגעשאצט אויף א ריזיגע סומע וואס פון דעם זענען זיי רייך געווארן.

אבער זייער טאטע האט נישט א טייל גענומען אין זייער פרייד, אדרבא, די נייעס האט אים צוגעברענגט ער זאל רייסן די האר פון זיין קאפ און שרייען: "אוי ווי, איך וואלט דאך געקענט נעמען א אנגעלאדענטע וואגן מיט גאלד און טייערע שטיינער און ווערן דער רייכסטער אויף דער וועלט, און איך האב אלעס פארלוירן מיט די אייגענע הענט, ווען איך האב אויפגעטוישט די ביסל וואס איך האב פארמאגט ביי מיר פאר א זאק פול מיט אלטע ברויט! טרערן זענען אים געפאלן אויף די באקן, און קיינער האט אים נישט געקענט טרייסטן.

און דער נמשל איז קלאר: אויב דער מענטש איז מקפיד צו ענטפערן אויף אלע ברכות וואס ער טרעפט זיך אן מיט זיי יעדן טאג אין שול, אין שטוב און אין יעדע ווינקל, דעמאלטס וועט ער זוכה זיין אז אין די צייט וואס ער וועט זיך געזעגענען "בא יבוא ברינה", אבער אויב ער וועט חלילה גרינגשעצן אין זיי, דעמאלטס ווען ער וועט קומען פארן בית דין של מעלה, און געוואר ווערן די ווערד פון יעדע אמן וואס ער וואלט געקענט ענטפערן גרינגערהייט, דעמאלטס "הלוך ילך ובכה", אויף דעם וואס ער האט אוועק געווארפן אזעלכע טייערע שטיינער און ברילאנטן, און אנשטאט זיי זאמלען אין זיינע אוצרות, האט ער זיי אויסגעטוישט אויף פארשימלטע ברויט... ('ספר הפנים' [לגרז"ו לייכטער] אות לא).

# מאוצרות אמונים

## ענטפערן אמן – דער יסוד פון אמונה

### אמן איילט צו די רפואה

האדמו"ר רבי אהרן ראטה בעל 'שומר אמונים' זאגט:

ווען אידן ענטפערן אמן, באלד קומט דארט אן די שכינה הקדושה און רוהט אויף די פלאץ וואס מען ענטפערט. און צוליב די השראת השכינה איז דער מענטש זוכה צו א רפואה שלמה - רפואת הנפש און רפואת הגוף. דער ענין איז מרומז אין דער פסוק (שמות טו כו): "כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך כי אני ה' רופאך"; דורך "כי אני" - בגימטריה 'אמן', "ה' רופאך" - רוהט די שכינה אויף דיר און דו ביזסט זוכה צו א רפואה און ישועה ('אמרי אהרן' בשלח).

### די מלאכים פון אמן זענען מלמד זכות

איינמאל האט דער אזורובער רבי בעל 'אש דת' באמערקט ווי איינער זאגט די ברכות שטיל, אן צו מזכה די ארומיגע מיט ענטפערן אמן נאך זיינע ברכות. דער רבי האט זיך געוואנדן צו אים און געזאגט: "פאר א קורצע צייט האסטו מיך געבעטן איך זאל דאווענען און מעורר רחמים זיין אויף דיר. ווען דו וואלסט געזאגט די ברכות הויעך אויפן קול וואלסטו זוכה געווען אז די מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן פון ענטפערן אמן אויף דיינע ברכות וואלטן געווען דיינע מליצי יושר!" ('בלבת אש' ח"ב עמ' קעא).

### אמן פארטרייבט קראנקהייטן

דער משפיע רבי אליהו ראטה האט געזאגט פאר זיינע צוהערהער:

"ענק זאלן וויסן, דורך ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין, זענען מיר משפיע אויף אונז השפעות טובות בגשמיות און ברוחניות, און מיר פארטרייבן די קראנקהייטן שטוב. 'יעדער מענטש דארף אריינטראכטן, וואס איז ענדערשט - גיין צו דאקטוירים אדער ענטפערן אמן אויפן קול" ('איש חסיד היה' עמ' רלא).

אמאל איז מען געקומען אים מזכיר זיין איינער פון זיינע תלמידים, א יונגער בחור, וועלכער איז שטארק קראנק געווארן. רבי אליהו האט באלד צוזאמגערופן זיינע שטוב-מענטשן, געלייגט פאר זיי אויפן טיש פארשידענע סארט מאכלים, מיט פארשידענע ברכות, און געבעטן אז יעדער פון זיי זאל זאגן הויך און מיט כוונה א ברכה ראשונה און ברכה אחרונה אויף יעדע סארט עסן, און אלע זאלן ענטפערן אמן מיט כוונה, אויף די זכות פון דעם קראנקן בחור. רבי אליהו האט געזאגט אויף די הנהגה, אז דאס איז "א גרויסער תיקון און המתקת הדינים פארן קראנקן". (שם עמ' רסח).

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער ליינער

צו די רעדאקציע 'וכל מאמינים'

א גוטן!

אין די ווינטער טעג, ווען מיר דאווענען עס זאל קומען גשמי ברכה, האב איך געוואלט אנמערקן אז אין ספר 'שמנה לחמו' (פרשת נח) ווערט געברענגט אז די רעגן קומט אין זכות פון ענטפערן אמן, און דאס האבן די חכמים זכרונם לברכה מכוון געווען אין די ווערטער (תענית ח א): "אין גשמים יורדים אלא בשביל בעלי אמנה". נאך שטייט דארט אז פון דער פסוק (בראשית ח ב): "ויסכרו מעינת תהום וארבת השמים ויכלא הגשם מן השמים" איז דא א רמז אויף אמן, ווייל "ויכלא הגשם מן" - איז סופי תיבות 'אמן'. א רמז אויף דעם אז די רעגן קומט אין זכות פון ענטפערן אמן, און אויב מען ענטפערט נישט ווי די הלכה איז קען זיך עס חלילה אויפהערן.

איך האב געטראכט צו ברענגען נאך רמז פון דער פסוק וואס מיר זאגן צוויי מאל יעדן טאג ביי קריאת שמע (דברים יא יד): "ונתתי מטר ארצכם בעתו" - "נתתי מטר ארצכם" איז ר"ת אמן.

מען קען צולייגן אז צוליב דעם ווערט די רעגן אנגערופן מיט די נאמען: "גשמי ברכה", ווייל זיי קומען אין זכות פון זאגן ברכות און ענטפערן אמן.

מיט שעצונג
ש.י.
ירושלים

מען קען שיקן בריוו צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס:
9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



קאשווער רב הגר"ש בראך

### רבי שאול בראך אב"ד קאשוי
### כ"ו שבט ת"ש

רבי שאול בראך געבוירן צו זיין פאטער רבי אלעזר אין יאר תרכ"ה. נאכן אנקומען צו עול התורה והמצוות, איז ער געפארן קיין חוסט לערנען אין די ישיבה פון מהר"ם שיק, און עס איז אים געלונגען צו לערנען ביי אים ניין חדשים, ביז ער איז נסתלק געווארן. דערנאך האט ער געלערנט אין די ישיבה פון רבי שמואל עהרענפעלד, מאטערסדארפער רב, בעל 'חתן סופר'. אין משך פון די יארן האט ער זיך אסאך געווייקט ביי די צדיקים פון בעלזא און סיגעט.

פון יאר תרנ"ב האט ער געדינט אלס רב אין מאגענדארף, דערנאך אין קראלי, ביז ער איז אויפגענומען געווארן אלס רב אין קאשוי, וואו ער האט געדינט אלס רב ביז צו זיין פטירה וועט ער פירט זיין קהילה מיט א שטארקע האנט. ער איז געווען איינער פון די חשוב'סטע רבנים און פוסקים אין זיין דור, ער איז געווען א לוחם מלחמות ה' קעגן די וואס האבן געוואלט טשעפענען די אידישע מנהגים. ער האט אויך אויפגעשטעלט א גרויסע ישיבה אין קאשוי וואס ער איז געשטאנען אין איר שפיץ, און געהאט אסאך תלמידים.

הגר"ש האט פארפאסט אסאך ספרים וואס א טייל פון זיי זענען נישט געדרוקט געווארן. צווישן זיי: 'בהיות הבוקר' אויף יו"ט שבועות; 'גבעת שאול' אויף חודש אלול; 'אבות על בנים' און 'חלק לעולם הבא' אויף פרקי אבות; 'טוב דברך' אויף הגדה של פסח און שיר השירים; 'ליבא בעי' אויף סוגיות הש"ס; 'שאול שאל' אויף שו"ע יו"ד. ער איז נסתלק געווארן כ"ו שבט אין קאשוי און דארט באערדיגט.

### מקפיד זיין ענטפערן אמן אין דער פונקטליכער צייט

רבי שאול בראך, פלעגט אסאך אנווארענען זיינע תלמידים און קהילה מיטגלידער זיי זאלן מקפיד זיין ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין. און פלעגט ערקלערן אז 'אמן' דארף מען ענטפערן פונקט אין די צייט, ווייל דער וואס ענטפערט פריער אדער שפעטער, נישט נאר ער איז נישט מקיים א מצוה, נאר ער האט א גרויסע עבירה; ווען ער ענטפערט אמן בעפאר דער מברך ענדיגט זיין ברכה, איז עס א 'אמן חטופה' ('מאירי' ברכות מז א; שו"ע קכד ח). און ווען ער ענטפערט שפעטער און נישט באלד ביים ענדיגן די ברכה, איז עס א 'אמן יתומה' ('מאירי' שם. וראה רמ"א שם).

און קאשווער רב ברענגט א וואונדערבארן רמז אויף די חוב פון מקפיד זיין אויף דעם פון דער פסוק: (שה"ש א ד): "משכני אחריך נרוצה", וואס זיינע ראשי תיבות זענען 'אמן'. "משכני" מען דארף ציהען און צוווארטן מיטן זאגן אמן ביז דער מברך וועט ענדיגן זיין ברכה. אבער "אחריך נרוצה" - באלד נאכן ענדיגן זאל מען זיך צואיילן ענטפערן אמן ('טוב דבריך' שה"ש א ד; 'שאול בחיר ה" עמ' קפט).